יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 62 | Łódź, Wtorek, 13 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כ״ז אדר תרצ״ד | № 62

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


היינט 10 זייטען

# היינטיגע זיצונג פון סיים

## וועט זיין די לעצטע אין דער איצטיגער סעסיע

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

אין די קולואַרען שמועסט מען, אז די מאָרגענדיגע זיצונג פון סיים, וועלכע וועט זיך אנהויבען 10 א-זייגער, וועט זיין די לעצטע אין דער סעסיע.

די טאָג-אָרדנונג נעהמט ארום 19 געזעץ-פראַיעקטען, עטליכע ראַטיפיקאַציע-פראַיעקטען. צום סוף פון דער זיצונג וועט בעטראַכט ווערען דער געזעץ-פראַיעקט וועגען פולמאַכטען פאַרן מלוכה-פרעזידענט אַרויסצוגעבען פאַראָרדנונגען מיט דער קראַפט פון א געזעץ און די אויסגעטעסטע רונגען פון סענאט צום בודזשעט.

## זיצונג פון דער אויסערן-קאמיסיע ביים סיים

ווארשא, 12 (טעלעפאניש). היינט פאַרמיטאָג איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער אויסערן-קאָמיסיע ביים סיים. אונטערן פאָרזיץ פון דעפ. פרישט ראַדזשיוויל.

דעפ. סטראָנסקי, (ב.ד.) האָט געפרעגט דעם פאָר זיצער פאַרוואס דער אויסערן-מיניסטער האַלט בישט אין דער קאָמיסיע קיין עקספּאָזע וועגן דער אויסערן פאָליטיק, וואס האָט שוין געזאָלט לאַנג פאַרקומען. דער פאָרזיצער האָט געענטפערט אַז צוליב דער קראַנקהייט פון אויסערן-מיניסטער קען די עקספּאָזע נישט געהאַלטען ווערען.

דאן האט די קאָמיסיע אָנגענומען עטליכע ראַטיפיקאַציע-פראַיעקטען.

## שפאניען ערב א בירגער-קריג

### דער גענעראל-שטרייק פערשטארקט זיך

פאריז, 12 (ספ. טעל.)

פון מאדריד מעלדעט מען, אז די לאגע אין גאנץ שפאניען איז נאך שטארק אנגעשטרענגט. דער גענעראל-שטרייק איז נישט צושטאנדגעקומען, אזוי ערקלערען די רעגירונגס-מיטגלידער.

נישט קוקענדיג דערויף האט דער שטרייק ארומגענומען אלע דרוקעריי-אנשטאלטען. אין מאדריד איז נישט ארויסגעגאנגען קיין איין צייטונג.

דער פרעמיער לערו האט ערקלערט, אז די רעגירונג איז גרייט אויף יעדער עווענטואליטעט, וועט פערטיידיגען די קאנסטיטוציע מיט אלע לעגאלע מיטלען און פערזיכערען דעם לאנד רוה.

שפאניען שטעהט פאר א בירגער-קריג. די אפטימיסטישע דעקלאראציעס פון דער רעגירונג שטעהן אין סתירה מיט דער פאקטישער זאכלאגע.

## ענטדעקט א געהיימע קאמוניסטישע ארגאניזאציע אין אונגארן

ווין, 12 (ספ. טעל.)

די אונגארישע פאליציי האט נעכטען ענטדעקט א געהיימע קאמוניסטישע ארגאניזאציע. ס'איז ענטדעקט געווארען א גרויסע דרוקעריי, וועלכע איז איינגעארדענט געווארען לויט די נייעסטע פאדערונגען פון דער טעכניק. ס'איז קאנפיסקירט געווארען א גרויסע צאהל געדרוקטע קאמוניסטישע אויפרופען. צעהנדליגער קאמוניסטען זיינען ארעסטירט געווארען.

---


## שר גדול נפל בישראל

בלב קרוע ומורתח הננו מודיעים בצער עמוק שאחרי מחלה קצרה וכבדה נפטר כ״ק אדומו״ר הרב הקדוש והטהור צדיק תמים ונפתר מרן

# ר׳ בצלאל יאיר זי״ע בן ע״ג שנים

בן ארומו״ר הזקן סבא קדישא הרב הרומה למלאך ד׳ צבאות רבינו יחיאל זי״ע, ואחיו של אדומו״ר הקדושים בעל ישמח ישראל זי״ע ובעל תפארת שמואל זי״ע מאלכסנדר.

הלויתו למנוחת עולמים תהי׳ היום בשעה 10 לאלכסנדר לאוהל אבותיו ואחיו זי״ע ממעונו בעיר לאדז ושעלאנא 30.

**משפחתו המתאבלת.**

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, שוויגער-פאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער

# נ״ע חיים ב״ר יהודה ז״ל גאטליב

סוחר און הויזבעזיצער פון דער שטאט לאדז.

די לוי׳ קומט פאר היינט, דינסטאג, כ״ו אדר תרצ״ד, 1 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז, זאוואדזקא 27, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע **פאמיליע.**

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 57 יאהר, מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע

נ״ע

# רחל לאה פינעס

אשת ר׳ יצחק נ״י

(געב. מארינע)

די לויה וועט פארקומען היינט דינסטאג, כ״ו אדר תרצ״ד (13 מערץ 1934) 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז ראדוואנסקא 59, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

---

דערמיט דריקען מיר אויס דעם טיפסטען ביילייד אונזער געעהרטען לאנגיעהריגען סעקרעטער ה׳ **יצחק פינעס** צוליב׳ן טויט פון זיין ליבע פרוי

# נ״ע רחל לאה

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

צו דער לויה וועלכע וועט פארקומען היינט דינסטאג, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז ראדוואנסקא 59, ווערען געבעטען אלע מיטגלידער צו קומען, כדי אפצוגעבען דער פערשטארבענער דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג

פון שעכטער-הורמאוניקעס-פעראיין

פארוקעטשנא 10.

---

## שבועה דאוריתא

פרייטאג, ד. 16-טען מערץ 1934

9 א זייגער פריה וועט שווערען אין דעם אלטשטעטישער שוהל

# ר׳ יודעל ראפאפארט

פולנאצנא 12 (פוטער-געוועלב)

וועגען א געלד-סכסוך אויף 700 זל. לויט׳ן אורטייל פון לאדזער קריינז-געריכט, וואס ער איז שולדיג פענסיע פרל. חנה ראפאפארט.

חנה ראפאפארט, דאלנא 12.

---

## למז״ט

אונזער פערדינסטפולען און לאנגיעהריגען גבאי און מיטגרינדער פון גמ״ח-קאסע דעם ה׳

# אלעזר זלאטאגורסקי

צו דער חתונה פון זיין טאכטער, וועלכע איז פארגעקומען זונטאג כ״ה אדר פה לאדז, ווינשען מיר פיל גליק חתן-כלה און מחותנים.

אלע מתפללים און די פערוואלטונג פון גמ״ח פון בית-תפלה

אנדזשעיא 48.

---

## השבת אבדה

ס'איז פערלוירען געווארען א ביכעל, אין וועלכען ס'האבען געפינען פאלגענדע וועקסלען: 1) א וועקסעל אויף 360 זל. אויסשטעלער בערנער, ווארשא, באגנא 5, צאהלבאר ד. 5/4. 2) א וועקסעל אויף 200 זל. אויסשטעלער פ. גאלדשטיין, ווארשא, ארדרע געוו״ס, צאהלבאר דעם 15/5. 3) 100 זל. צאהלבאר דעם 20/3, זשירא אפאטאווסקי, פיעטריקאווער 28. 4) 100 זל. צאהלבאר ד. 20/5 זשירא אפאטאווסקי, פיעטריקאווער 28. 5) 100 זל. צאהלבאר 31/3, זשירא מ. גאנסקי, פיעטריקאווער 58. 6) 100 זל. צאהלבאר 25/4, זשירא י. אייזענבערג, ציגעל-גאס 8. אויך א קוויט אויף אפצונעמען רוי-מאטעריאל פון Północna Tow. די אלע וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג. דער ערליכער- פינדער ווערט געבעטען געגען א גרויסע בעלוינונג אפצוגעבען צו מ. ראגא-זשינסקי, קילינסקיעגא 60. 1006

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער ליבע שוועסטער, שוועגערין און טאנטע

# נ״ע שרה רבקה צוקערמאן

אשת ר׳ הירש ז״ל

(געבוירען שוויף) אין עלטער פון 62 יאהר

די לוי׳ קומט פאר היינט, דינסטאג, כ״ו אדר תרצ״ד, 2 נאכמ. פון טרויער-הויז פיטריקאווער 82, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

